# פרשת תצוה ג׳ – ט׳ אדר תשע״ה לפ״ק

***יום ראשון פרשת תצוה***

בשעות הצהרים השתתף **רבינו שליט״א** אצל הלויה של הרה״ח רבי **פרץ פריעדמאן** ע״ה, ראש הקהל דקהלתינו הק׳, שהתקיים לפני בית מדרשנו בוויליאמסבורג. **רבינו שליט״א** נשא דברי הספד.

***וזה תוכן ההספד:***

**נפלה** עטרת ראשינו, עס איז געפאלען די פראכט פון אונזער קהלה, דאס שיינקייט וואס רבי פרץ ע״ה האט באשיינט אונזער קהלה. בזמן שהצדיק בעיר הוא הודה הוא זיוה היא הדרה, ער איז געווען א תלמיד חכם מופלג, און א מרביץ תורה דא אין די שול אלע זיינע יארן. זיין דאווענען איז געווען מיט אזא אימה ויראה, זיך נישט אוועקגערירט פונעם פלאץ א גאנצע דאווענען. דאס יראת ה׳ וואס איז געווען חופפת על פניו, דער גאנצער מענטש איז געווען כולו אומר כבוד. זיין גאנצע באנעמונג איז געווען א בחינה פון ואהבת את ה׳ אלקיך (דברים ו-ה) אהבהו על הבריות (יומא פו.), ער האט באליבט דעם אייבערשטענ׳ס נאמען, מיט זיין הנהגה ווי אזוי ער האט זיך געפירט. און ווי די גמרא זאגט, ווען א יוד האנדלט ערליך, עס איז משאו ומתנו באמונה, עס איז דיבורו בנחת עם הבריות, מה הבריות אומרים, וואס זאגען מענטשען, וואויל איז פאר די עלטערן וואס האבען מחנך געווען אזא קינד, וואויל איז פאר דעם מענטש וואס איז מקדש שם שמים, דאס איז געווען דער חשובער נפטר. ווי ער איז געשטאנען, און ווי ער איז געגאנגען, האט עס ארויסגעברענגט פון אים דאס ערליכקייט. מען האט קיינמאל נישט געהערט פון אים א הויך ווארט, אז ער זאל זיך בייזערן אויף עפעס, אלעס איז געווען מיט אזא נעימות, מיט א פיינקייט, וואס האט מאהב געווען דעם שם שמים על הבריות.

**די** תורה הק׳ זאגט די פאריגע וואך אין די פרשה, ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם, ככל אשר אני מראה אותך את תבנית המשכן ואת תבנית כל כליו וכן תעשו (שמות כה-ח). עס שטייט אין הייליגען **חתם סופר** (קיט:), דער אייבערשטער האט געוויזען פאר משה רבינו דעם תבנית המשכן און דעם תבנית פון די כלים, ווי אזוי א משכן דארף אויסצוקוקען, און ער האט אים געזאגט, אזוי זאלסטו נאך טון. מאך אונטן אזא משכן ווי איך ווייז דיר דא אויפן בארג. זאגט דער הייליגער **חתם סופר**, נאכמאכן אזא משכן קען מען נישט. ווייל יענע משכן איז געווען מעשה אלקים, דער אייבערשטער האט עס געמאכט, ווי אזוי קען א בשר ודם נאך מאכן פון עצים און קרשים, אזא משכן וואס דער רבונו של עולם האט געוויזען פאר משה רבינו. וואס מען זאל נאר טון, אפילו עס וועט אויסקוקען אינגאנצן ענליך, איז עס נישט מעשה אלקים. עס איז נישט דער זעלבער תבנית ווי דער משכן וואס דער אייבערשטער האט געוויזען פאר משה רבינו.

**זאגט** דער הייליגער **חתם סופר**, ווען א יוד ארבעט זיך אויס, ער פירט זיך ערליך, איז דא אויף אים א השראת השכינה, און ער איז א מקדש פארן אייבערשטען, און דער אייבערשטער רוהט אין כלל ישראל. **ווען א יוד איז א צדיק, ער פירט זיך אויף ערליך, איז דא אויף אים א השראת השכינה, און וואס ער טוט, קען מען אנרופן אז עס איז מעשה אלקים, ווייל דער רבונו של עולם רוהט אויף אים.** האט משה רבינו געקענט נאך מאכן אזא משכן וואס דער אייבערשטער האט אים געוויזען, ווייל אויף אים איז געווען א השראת השכינה. און דער משכן וואס ער האט אויפגעשטעלט, איז געווען מעשה אלקים.

**זאגט** דער הייליגער **חתם סופר**, ׳ועשו לי מקדש׳, קודם זאלט איר ענק מאכען פאר מיר פאר א משכן, ׳ושכנתי בתוכם׳, אז איך זאל קענען רוען צווישן ענק. און דעמאלטס ווען איר וועט האבען השראת השכינה, וואס איר וועט טון, וועט ווערן אנגערופן אז עס איז מעשה אלקים. און דורך דעם איז ככל אשר אני מראה אותך את תבנית המשכן ואת תבנית כל כליו, וכן תעשו, וועט איר קענען נאכמאכען די זעלבע תבנית המשכן וואס איך האב געוויזען פאר משה רבינו.

**און** דאס איז דער פשט וואס חז״ל (ר״ה יח:) זאגען אונז, שקולה מיתתן של צדיקים כשריפת בית

אלקינו, ווען עס גייט אוועק אן ערליכער יוד פון די וועלט, איז עס אזוי ווי שריפת בית אלקינו. ווייל ביי שריפת בית אלקינו איז חרוב געווארן א מקדש פונעם אייבערשטען, און אן ערליכער יוד וואס איז דא ביי אים א השראת השכינה, איז אויך א מקדש מעט, ער איז אויך א חלק פונעם בית המקדש.

*

**איך** וויל ארויסברענגען א נקודה. ווען איך בין געקומען אהער אין די קהלה, בין איך געווען א יונגערמאן, רבי פרץ איז געווען אסאך און אסאך עלטער פון מיר. **די הכנעה וואס ער האט ארויסגעוויזען אלע יארן, וואס ער איז געשטאנען צו הילף אין א יעדע זאך וואס האט אויסגעפעלט צו די עבודת הקודש. ער האט קיינמאל נישט געשטערט קיין שום זאך, און נישט נאר נישט געשטערט, נאר קיינמאל נישט געזאגט אנדערש פון וואס דער רב האט געזאגט. און איך זאג נאכאמאל איבער 'קיינמאל'. 'קיינמאל' נישט געזאגט אנדערש, און נישט געזוכט צו מענאפעלירן און ארויפצווינגען א דעה. וואס מען האט גערעדט, און וואס מען האט געשמועסט, איז ער געווען עומד לצדי, אפילו ווען עס איז אים נישט גרינג אנגעקומען.**

**די** תורה הק' זאגט, ועשו ארון עצי שטים (שמות כה-י), ביי אלע כלים שטייט 'ועשית', א לשון יחיד, אויסער ביים ארון שטייט 'ועשו'. דער ארון ווייזט אויף דעם תלמיד חכם, אויף דעם וואס איז לומד תורה. אין אים ליגן די לוחות, ער איז די כלי פאר די לוחות. דער ארון דאס איז דער מנהיג פון יעדן מקום, דאס איז די בחינה פונעם ארון וואס איז דא אינעם בית ה'. דער ארון אליין קען נישט עקזיסטירן, ער האט נישט די כוחות ער זאל קענען אויפטון וואס ער דארף אויפצוטון. אויב ער האט נישט די הילף פון די אלע וואס זענען יא בכח צוצוהעלפען, קען דער ארון אסאך נישט טון.

**די** מצוה פונעם ארון איז, 'ועשו' ארון עצי שטים, אז מען זאל צושטיין און העלפען דעם ארון. 'איר' זאלט מאכען דעם ארון עצי שטים. איר זאלט האבען א חלק, אז דער ארון וואס דארט ליגט די תורה, זאל קענען בליען, און מחזק זיין תורה, און אויפטון וואס מען דארף אויפצוטון. דאס איז די חיוב פון 'ועשו' ארון עצי שטים, אז יעדער דארף צוהעלפען צו מאכען דעם ארון.

**די** ארון האט געהאט בדים, בטבעות הארון יהיו הבדים לא יסורו ממנו (שם כה-טו), עס האט אייביג געדארפט זיין צוויי בדים, פון די צוויי זייטען פונעם ארון, אז מען זאל טראגען די ארון. און לא יסורו ממנו, מען האט קיינמאל נישט געטארט איבערלאזען דעם ארון אליין. אייביג האט עס געדארפט האבען די בדים נעבן זיך, אז מען זאל אים קענען טראגען. שטייט אין הייליגע ספרים, אז די טבעות הארון, מיט די בדים וואס איז געווען אינווייניג, דאס ווייזט אויף די וואס טוען צוהעלפען תורה, די וואס טוען צוהעלפען אז מען זאל קענען טראגען דעם ארון. אויב מען דארף ערגעץ טראגן דעם ארון, זאלן די בדי הארון זיין דארט נעבן אים, וואס זאלן צוהעלפען אז מען זאל קענען טראגען דעם ארון. - **דאס איז געווען רבי פרץ ע"ה, ער איז געווען פון די בדים וואס זענען געשטאנען נעבן דעם ארון, צוצוהעלפען צו קענען אויפטון אין די קהלה וואס מען דארף אויפצוטון. קיינמאל נישט געשטערט, נאר געזוכט ווי מען קען ארויפברענגען דעם כבוד פונעם רב, ווי ער קען צוהעלפען אז דער רב זאל קענען מער מרביץ תורה זיין אין די קהלה.** דאס איז בטבעות הארון יהיו הבדים, לא יסורו ממנו, ער האט זיך קיינמאל נישט אפגעטון פון דעם ארון.

**און** די בדים רופט מען אן 'בד'. בד איז טייטש ווען מען שטייט פאר זיך אליין (עיין יומא עא:). **אמאל איז דא, וואס די בדי הארון ווילן זיך מישן מיטן ארון, זיי ווילן מענאפעלירן דעם ארון, זיי ווילן הייסען פארן ארון וואס ער זאל טון, דאס איז נישט קיין בדי הארון, זיי שטייען נישט פאר זיך אליין. בדי הארון שטייען צום הילף פונעם ארון, און מען שטייט פאר זיך אליין.** רבי פרץ גייט ארויף מיט א געוואלדיגע זכות הרבים, ער נעמט מיט די אלע זכותים פונעם ציבור פון די קהלה, און פון די מוסדות פון אונזער קהלה, וואס ער איז געשטאנען בראשם אלע זיינע יארן, און צוגעהאלפן אז תורה הק' זאל ווייטער בליען. דאס איז א זכות וואס איז נישט נאר דא ביים לעבן, דאס איז א זכות וואס מען נעמט זיך מיט, און עס בלייבט איבער שפעטער.

**דער** חשובער נפטר גייט יעצט ארויף אויבן, יעדער יוד געבט אפ א חשבון אויף אלעם וואס מען האט געטון. מען פרעגט נשאת ונתת באמונה, קבעת עתים לתורה, און די איבריגע שאלות. און אויף אלעם וועט ער קענען ענטפערן יא, איך האב געטון וואס דער רבונו של עולם האט געהייסען. **אבער רבי פרץ, איר קענט זיך אויפטון און זאגען פארן רבונו של עולם, איך בין אלע יארן געווען דא פון די ראשי הקהלה, און איך בין אייביג געשטאנען צום רב'ס האנט, אז ער זאל קענען אויפטון וואס ער דארף אויפצוטון. דער זכות וועט אייך אוודאי מגין זיין, דער זכות וועט אייך ביישטיין,** איר וועט האבען די זכות הרבים פון אלע צייטן שפעטער, וואס עס וועט זיך אפטון דא אין די קהלה, וואס איר האט אויפגעטון מיט די יארן וואס איר זענט געווען דא צווישן אונז, להגדיל תורה ולהאדירה.

**מען** קען נישט זאגען, אז מען האט יוצא געווען ידי חובתו אקעגן אזא חשוב'ען יוד. מען האט פראבירט מכבד צו זיין מיט וואס מען האט געקענט, אבער א מענטש איז נאר א מענטש, מען קען נישט וויסען, סיי וואס איז נוגע פאר מיר פערזענליך, און סיי וואס איז נוגע פאר די אנשי הקהלה, איך בין א שליח אין נאמען פון די גאנצע קהלה, מפייס צו זיין, טאמער איז געווען א זאך וואס מען האט זיך נישט נוהג געווען בדרך כבוד. רבי פרץ איז געווען אזא לב טוב, ער האט קיינמאל נישט אפגעזאגט, אלץ געווען מיט אזא פיינקייט, און א ווארימקייט, וועט ער אוודאי מוחל זיין פאר די אלע.

**עס** איז א געוואלדיגער זכות, אשרי איש ירא את ה' במצותיו חפץ מאד, גבור בארץ יהיה זרעו, דור ישרים יבורך (תהלים קיב-א), דער באשעפער האט אים באצאלט, איינער וואס איז א רחים רבנן און מוקיר רבנן, איז ער אליין א תלמיד חכם, און ער איז זוכה, אז הוה ליה בנין רבנן, אז מען האט קינדער תלמידי חכמים (שבת כג:). ב"ה אויפגעשטעלט אזעלכע שיינע שטובער פון קינדער און אייניקלעך תלמידי חכמים מופלגים. עס איז מקויים געווארן ביי אים, גבור בארץ יהיה זרעו, דור ישרים יבורך. - די קינדער און אייניקלעך און אור אייניקלעך דארפן געדענקען וואס פאר א חשוב'ען זיידן מען האט געהאט, און געדענקען זיינע וועגן, נאכצוגיין און נאכצוטון די וועג ווי אזוי ער האט זיך געפירט. דאס שענסטע וואס קינדער און אייניקלעך קענען נאכטון, און קענען געבן פאר א זיידן, איז דאס וואס מען פירט זיך אויף ערליך, און דורך דעם גייט די נשמה אלץ העכער און העכער. במתים חפשי (תהלים פח-ו), כיון שמת אדם נעשה חפשי מן התורה ומן המצות (שבת ל.), אבער מען קען ווייטער זיין א הולך, דורך דעם וואס די קינדער און די אייניקלעך גייעו ווייטער בדרכי התורה.

**זאל** דער אייבערשטער געבן אז ער זאל זיין א מליץ יושר פאר די גאנצע משפחה. מה כאן עומד ומשמש, ער האט דא משמש געווען אונזער ציבור, אף התם עומד ומשמש, זאל ער זיין א מליץ יושר אויבן אויף אונז אויך. און בעטן ביים כסא הכבוד פאר די משפחה, און פאר אלע בני הקהלה, מען זאל קענען ווייטער אויפטון וואס מען דארף אויפצוטון. עס זאל שוין מקויים ווערן ביי אונז, ובלע המות לנצח, ומחה ה' אלקים דמעה מעל כל פנים, עס איז טעג פון שמחה אין אלע יודישע שטובער, זאלן מיר זוכה זיין, אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי. אחר מנחה עברו בחורי הישיבה לאחל מזל טוב לרגל הולדת הנכד אצל חתנו **הרה"ג רבי יואל ווייסמאנדל שליט"א**.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק למסור שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' בית הכנסת סימן קנ"ג סעיף י'). אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***<u>וזה תוכן השיחה:</u>***

**ועשית** את הקרשים למשכן עצי שטים, דו זאלסט מאכען די קרשים פון די משכן פון עצי שטים, עומדים, שטייעדיג (שמות כו-טו). פשוט פשט איז עומדים טייטש, אז מען זאל נישט לייגען די ברעטער ליגעדיג אויף די ערד, און ארויפלייגען איינס אויף די אנדערע, ביז מען וועט אויפשטעלן די משכן. נאר זיי זאלן זיין שטייעדיג, אזוי ווי א

בוים וואס שטייט אויף ארויף. אבער די גמרא (סוכה מה:) דרשנ'ט פארשידענע דרשות אויף די ווערטער עצי שטים עומדים. איינס, אז א יעדע מצוה מוז מען מקיים זיין דרך גדילתן, אזוי ווי עס וואקסט. די אונטערשטע חלק פון די עצי שטים ווי עס וואקסט ארויס, האט געדארפט זיין אונטען, און די שפיץ האט געדארפט זיין אויבן. און אויך ביי אלע מצוות איז אזוי די הלכה, אז מען איז נישט יוצא די מצוה פון לולב פארקערט, מען קען נישט נעמען א לולב אדער א הדס מיט א ערבה איבערגעדרייט, עס מוז זיין כדרך גדילתן.

**א** צווייטע דרשה דרשנ'ט די גמרא, שמעמידים את ציפוין. ווען מען האט גענומען די ברעטער פון די משכן, און מען האט עס איבערגעדעקט מיט גאלד, האט מען נישט אראפגעלייגט א שטיק גאלד נעבן די ברעטער, און עס זאל זיך האלטן פון זיך אליין, נאר די ברעטער האבן געהאלטן די ציפוי וואס מען האט אויף זיי ארויפגעלייגט. מען האט אריינגעקלאפט נעגל אין די קרשים, און מען האט גענומען דינע טאצען פון גאלד, און מען האט עס באהאפטען צו די נעגל וואס איז געווען אין די קרשים. אז די קרשים האבן מעמיד געווען, זיי האבן געהאלטען, ציפוין, די ציפוי פון זהב. די ציפוי של זהב איז נישט געווען א אויסנווייניגע זאך, וואס איז געווען נעבן די ברעטער, נאר די ברעטער האבן געהאלטן די גאלד וואס מען האט ארויפגעלייגט אויף זיי.

**א** דריטע דרשה דרשנ'ט די גמרא, שעומדים לעולם ולעולמי עולמים. מען זאל נישט זאגען אז פון ווען מען האט באהאלטן די משכן, און עס איז נישט דא מער א משכן, האט מען פארלוירן א מקדש פונעם אייבערשטען, נאר עס איז עומד לעולם ולעולמי עולמים. די קדושה פונעם מקדש בלייבט אויף שטענדיג, סיי אז דער אייבערשטער וועט אונז צוריקגעבן נאך א בית המקדש. עומדים, עס וועט אייביג בלייבען א מקדש. און די משכן אלייו האט מען אויך באהאלטן אינעם מקום המקדש. אונטער די היילען פונעם היכל, האט מען באהאלטען די קרשים מיט די קרסים און די בריחים און די עמודים און די אדנים און די יריעות, אלעס ליגט דארט. עומדים, די משכן ליגט דארט אוועקגעלייגט ארגינעל אזוי ווי עס איז געווען, די ברעטער זענען נישט פארפוילט געווארן, און עס איז נישט ווערעמיג געווארן, אלעס איז עומדים אזוי ווי עס איז.

**עס** קען זיין אז עס ליגט א רמז, אין דעם וואס די גמרא זאגט, אז די קרשים זענען מעמידים ציפוין. מען ווייסט אז כלל ישראל איז איינגעטיילט אין צוויי, אשרי מי שעמלו בתורה, וואויל איז דעם וואס קען זיצען באהלה של תורה, און לערנען שטענדיג, און אויסנוצען זיין לעבן פאר תורה און עבודת ה'. אבער די גמרא (ברכות לה:) זאגט שוין, הרבה עשו כרבי שמעון בן יוחאי ולא עלתה בידם, אלא הנהג בהם מנהג דרך ארץ, נישט יעדער מענטש קען אוועקגעבן זיין גאנץ לעבן פאר תורה, אין אלגעמיין איז עס נאר פאר יחידי סגולה, א מענטש דארף עוסק זיין אין משא ומתן, טון ערליך וואס די תורה האט געהייסען, און אויסער דעם דארף ער קובע זיין עתים לתורה.

**אבער** פון דעסטוועגען דאך קען א יוד האבען א חלק אין תורה. מיט דעם וואס מען איז מחזיק תורה, אזוי ווי יששכר און זבולון. שמח זבולון בצאתך ויששכר באהליך (דברים לג-יח), יששכר איז געזעסן באהלה של תורה און געלערנט, און זבולון איז ארויסגעגאנגען פירן געשעפטען, און ער האט מחזיק געווען דעם יששכר אז ער זאל קענען זיצען און לערנען. בצל החכמה בצל הכסף (קהלת ז-יב), שטייט אין מדרש (ב"ר צט-ט) אז דער וואס טוט שטיצען תורה, צוטיילט זיך מיט זיין עולם הזה מיטן יששכר, און ער באקומט א חלק אין די תורה פון יששכר. יששכר צוטיילט זיך מיט זיין עולם הבא, מיט דעם וואס איז אים מחזיק.

**אין** משכן איז געווען אכט און פערציג קרשים, צוואנציג אויף דרום זייט, און צוואנציג אויף צפון זייט, און אכט אויף מערב זייט. עס שטייט אין **בעל הטורים** אז דאס איז אקעגן די אכט און פערציג נביאים וואס איז אויפגעשטאנען ביי יודען. גדולה הסרת טבעת יותר ממ"ח נביאים שנתנבאו להן לישראל (מגילה יד.). די קרשים ווייזען אויף די חכמי התורה, אכט און פערציג נביאים איז געווען אין כלל ישראל, און אזויפיל קרשים איז געווען אינעם

משכן. די תלמידי חכמים זענען די וואס זענען מעמיד דעם משכן פונעם אייבערשטען. דער **חתם סופר** (תורת משה קלט:) זאגט, אז 'קרש' איז די ראשי תיבות, ק'דושים ר'וממי ש'ד-י, זיי זענען די קדושים וואס טוען מרומם זיין דעם אייבערשטען'ס נאמען.

**און** אז די קרשים ווייזען אויף די לומדי תורה, ווי אזוי קענען די לומדי תורה זיצען און לערנען, זאגט די תורה, ואת הקרשים תצפה זהב (שמות כו-כט), מען זאל זיי ארומנעמען מיט גאלד. די בעלי הזהב זאלען זיך צושטעלען צו די קרשים, און זיי זאלען מחזיק זיין די לומדי תורה. און דורך דעם האבען ביידע, סיי דער קרש, דער תלמיד חכם, און סיי דער עושר, וואס איז דער בעל הזהב, א חלק אין די משכן. ווייל דורך דעם וואס ער איז מחזיק דעם קרש, ער איז מחזיק דעם לומד תורה, האט ער א חלק אין יענעמס תורה.

**קוקען** קוקט אויס, אז זבולון איז דער וואס געבט פאר דעם יששכר. ער האט, און יששכר האט נישט, און ער טוט מחזיק זיין דעם יששכר. עס איז אבער נישט אזוי אינגאנצן, אויסנווייניג זעהט עס אויס, אז דער זבולון געבט פאר דעם יששכר. אבער די גמרא (ברכות יז:) זאגט, כל העולם ניזון בשביל חנינא בני, וחנינא בני די לו בקב חרובין. פארוואס איז אזוי אז דער תלמיד חכם האט נישט, און יענער האט יא. קומט זיך דען נישט פאר דעם תלמיד חכם וויפיל עס קומט זיך פאר יענעם?! נאר כדי דער תלמיד חכם זאל זיין פריי צו לערנען תורה, שיקט דער אייבערשטער די ברכה וואס קומט זיך פאר אים, אין די שטובער פון די וואס האבען יא פארמעגן, און זיי זאלן מחזיק זיין די תורה. - כל העולם ניזון בשביל חנינא בני. נישט ער האט עס געגעבן פאר חנינא, נאר חנינא האט געגעבן פאר די גאנצע וועלט. און ווייל חנינא האט געגעבן פאר די גאנצע וועלט, קומט זיך אז מען זאל מחזיק זיין חנינא, כדי ער זאל קענען עוסק זיין אין עבודת ה'.

**זאגט** די תורה הק', אז מען זאל מצפה זיין די קרשים מיט זהב, דער זהב זאל זעהן ארומצונעמען די קרשים מיט זהב. ווערסטו מיינען אז דער זהב איז מעמיד דעם תלמיד חכם, זאגט מען, ניין. די קרשים זענען 'עומדים', שמעמידים ציפוין, די קרשים זענען מעמיד די ציפוי. נישט דער ציפוי, דער גאלד וואס מען האט צוגעשטעלט צו די קרשים, ער געבט די כח פאר דעם קרש, נאר די קרשים זענען מעמידים ציפוין, זיי טוען מעמיד זיין דעם ציפוי. דאס פארמעגן וואס דער בעל הזהב האט, קומט פון די כח פון די קרשים.

**און** נישט נאר עס איז מעמידין ציפוין בעולם הזה, אז דורך זיי ווערט נשפע די פרנסה פאר יענעם. און נישט נאר עס איז מעמיד ציפוין, אז דורך דעם וואס מען איז מחזיק תורה האט מען א חלק אין גן עדן, נאר עס האט נאך א חלק אויך. די גמרא (כתובות קיא:) זאגט, עמי הארצות אינן חיים, ווען עס וועט קומען לעתיד לבא וועט אן עם הארץ נישט אויפשטיין צו תחיית המתים. און עס האט זייער געאהרט פאר רבי יוחנן, און ער האט געזאגט, לא ניחא למרייהו דאמרת להו הכי, עס איז נישט ניחא פארן אייבערשטען אז מען זאל אזוי זאגען. האט רבי אלעזר געזאגט, מקרא אני דורש, איך זאג עס נישט אליין, איך זאג אז עס איז א פסוק (ישעיה כו-יט) כי טל אורות טלך. כל המשתמש באור תורה אור תורה מחייהו, ווער עס האט תורה, איז די תורה טל, און עס מאכט אים לעבן. אבער אויב ער האט נישט קיין תורה, ווי אזוי זאל ער אויפשטיין צו תחיית המתים. חזייה דקמצטער, ווען ער האט געזען ווי אזוי רבי יוחנן איז זיך מצער, אז א האלבע וועלט וועט נישט אויפשטיין צו תחיית המתים, האט ער געזאגט, מצאתי להם תקנה מן התורה, איך האב געטראפען א תקנה ווי אזוי זיי זאלען אויך קענען אויפשטיין ביי תחיית המתים, שנאמר (דברים ד-ד) ואתם הדבקים בה' אלקיכם חיים כולכם היום. ווי אזוי קען מען זיך מדבק זיין אינעם באשעפער, דער באשעפער איז דאך אש אוכלה (שם ד-כד), נאר ווען מען איז זיך מדבק אין תלמידי חכמים, מען איז מחזיק תלמידי חכמים פון זיין פארמעגן, ווערט עס גערעכנט ווי ער האט זיך מדבק געווען אינעם אייבערשטען. און דער פסוק זאגט אויף א מענטש וואס איז זיך מדבק אין תלמידי חכמים, חיים כולכם היום, איר וועט אויפשטיין תחיית המתים.

**קומט** אויס, אז ווען א מענטש איז נישט מחזיק תורה, און ער לערנט נישט קיין תורה, לעבט ער

נאר אויף די וועלט, אבער עס איז נישט דא ביי אים תחיית המתים. אבער אויב ער איז מחזיק תורה, איז אפילו ער גייט אוועק פון די וועלט, וועט ער אויפשטיין ביי תחיית המתים. 'עצי שטים עומדים', די עצי שטים איז מעמידים ציפוין, די ציפוי זענען דאך די בעלי זבולון, וואס זיי טוען מצפה זיין דעם קרש מיט זהב. ווען עס וועט קומען די צייט ווען מען דארף אויפשטיין תחיית המתים, וואס מען ליגט אזוי ווי א מת, און מען דארף עומד זיין לתחיה, ווער איז מעמיד די ציפוי? די קרשים, די לומדי תורה. דורך דעם וואס מען האט מחזיק געווען די לומדי תורה, האבען זיי דעם כח אז זיי זאלען מעמיד זיין ציפוין, די וואס האבען זיי מצפה געווען מיט זהב, און זיי וועלן אויך אויפשטיין ביי תחיית המתים. דאס איז די מצוה פון ואתם הדבקים בה' אלקיכם, אז דורך דעם וואס ער איז זיך מדבק צו תלמידי חכמים, ווערט עס גערעכענט ווי ער איז דבוק צום אייבערשטען, און אויף דעם איז דא די ברכה פון חיים כולכם היום.

*

אחר השיעור הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הר"ר **אשר לערנער** הי"ו שישב שבעה על פטירת אחיו הר"ר **צבי מאיר לערנער** ע"ה (לאנדאן).

כמו כן הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים **אצל הרה"ג רבי שלום יוסף הלפרין שליט"א** אב"ד ראדימישלא ב"פ, שישב שבעה על פטירת אביו **הגה"צ רבי אלחנן הלפרין זצ"ל** גאב"ד ראדימישלא (לאנדאן).

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג, והשתתף אצל הבר מצוה של בן הר"ר **דניאל פאלאטשעק** הי"ו שהתקיים באולם שמח תשמח.

*

***יום שני פרשת תצוה***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין לבן הר"ר **דניאל פאלאטשעק** הי"ו, ולבן הר"ר **יודל פאסטערנאק** הי"ו (מאנסי). אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה לבחורי הבר מצוה, ונתן להם דורון דרשה, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

*

***יום שלישי פרשת תצוה***

בשעות אחר הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **פרץ פריעדמאן** ע"ה.

***וזה תוכן השיחה:***

**בנו הר"ר אליעזר:** רבי בנימין זאב לעווי (נייטרא, מאונט קיסקא) איז פריער דא געווען, ער האט יארן געלערנט מיטן טאטען, און דא אין אמעריקא האבען זיי געלערנט אין **סטראפקובער רב'ס** שטוב.

**רבינו: רבי מיכאל בער** פלעגט זאגען פאר די בחורים, אז ווען זיי זענען אין שטאט, זאלן זיי זיך דרייען ביים **סטראפקובער רב**. רבי אהרן פישער האט מיר פארציילט, אז **רבי יונתן שטייף זצ"ל** פלעגט צו דאווענען מנחה און מעריב ביים **סטראפקובער רב**. און צווישן מנחה און מעריב איז געווען א הפסקה, פון צען פופצען מינוט, ביז מען האט געקענט דאווענען מעריב. אמאל איז מען צוגעקומען צו **רבי יונתן**, און מען האט אים געבעטן, אז אין די פערטל שעה זאל ער פארלערנען משניות. האט **רבי יונתן** געזאגט, עס איז דא א רב, און מען זאל פרעגן צו ער איז מסכים. אויב דער **סטראפקובער רב** וועט מסכים זיין, וועט ער פארלערנען. איז מען צוגעגאנגען צום **סטראפקובער רב**, און מען האט אים געזאגט, אז עס איז דא א פאר מינוט צווישן מנחה און מעריב, און מען וויל אז **רבי יונתן** זאל פארלערנען, צו ער האט עפעס דערקעגן. האט ער געזאגט, ניין. האט **רבי יונתן** אנגעהויבן פארצולערנען משניות צווישן מנחה און מעריב. עס איז אדורך א פאר טאג, רופט צו דער **סטראפקובער רב** דעם יוד וואס האט אים געבעטן רשות, און ער זאגט אים, זאג פאר **רבי יונתן**, אז ער זאל מער נישט לערנען. 'איך האב געמיינט אז עס וועט מיר נישט אהרן, אבער עס אהרט מיר יא, זאל ער אויפהערן פארצולערנען'. - א געוואלדיגע צדקות. דובר אמת בלבבו.

**הר"ר אליעזר:** א באבוב'ער יוד האט מיר פארציילט, אז ער איז געווען פאר די קריג אין בעלזא, און ביים דאווענען נאכן זאגען די ברכות, איז דער פריערדיגער **בעלזער רב** ארומגעגאנגען אין בית המדרש, און ווען ער האט געזאגט לעולם יהא אדם ירא שמים וכו' 'ודובר אמת בלבבו', האט ער זיך אפגעשטעלט נעבן אים, און ער האט אים אריינגעקוקט אין פנים, און זייט דעמאלטס האט ער נישט געקענט זאגן א ליגענט.

א יוד האט מיר פארציילט אז **רבי יונתן** מיטן **צעהלימער רב**, און נאך איינער האבן געפירט א דין תורה, אינמיטן האט **רבי יונתן** געזען ווי מען לאכט. האט **רבי יונתן** געפרעגט, פארוואס לאכט מען. האט מען געזאגט, אז איינער האט געזאגט א וויץ. האט **רבי יונתן** געזאגט, ביי א דין תורה, ווי עס איז אלקים נצב בעדת א-ל, האט איינער געמאכט א וויץ. איך גיי אוועק, איך קען נישט זיצען ביי אזא דין תורה. און ער האט זיך אויפגעשטעלט צו גיין, האט מען אים געבעטן אז ער זאל בלייבען, האט ער געזאגט, אויב דער גאנצער עולם וועט זאגען אשמנו בגדנו וכו', וועט ער זיך צוריקזעצן צום דין תורה.

**הר"ר שמחה:** מיין זיידן האט מען אויפגענומען אלץ רב אין טירנוי, ער האט קאנדידירט אקעגן **רבי מיכאל בער ווייסמאנדל**, און מיין טאטע האט דעמאלטס געלערנט אין נייטרא ביים **נאות דשא**, און די תלמידים האבן געוואוסט אז דער רבי וויל אז מען זאל אויפנעמען **רבי מיכאל בער**, האט מיין טאטע זיך נישט געוואלט באוויזען פארן רבי'ן, האט דער רבי געלאזט רופן מיין טאטן, און ער האט אים געפרעגט ווי באהאלטסטו דיך, און ער האט אים געזאגט, זעהט אויס אז דער אייבערשטער האט געזען אז מען דארף דארט האבען א גרעסערן גדול פון אים, און ער וואלט נישט געקענט דארט אויפטון.

דארט אין טירנוי איז געווען א מלמד, רבי אברהם טראטנער, און ווען ער איז נפטר געווארן איז דער **נייטרער רב** געקומען קיין טירנוי צו די לויה, האט דער זיידע מכבד געווען דעם **נייטרא רב** אז ער זאל ערשט מספיד זיין, האט דער **נייטרא רב** געזאגט, חלילה, דער מרא דאתרא דארף קודם מספיד זיין, און דער זיידע האט נישט געוואלט בשום אופן. האט דער זיידע געזאגט, אויב איך בין מרא דאתרא, בין איך גוזר אז איר זאלט ערשט מספיד זיין. האט זיך דער **נייטרא רב** אויפגעשטעלט און ער האט געזאגט, דער מרא דאתרא האט געהייסען מוז איך פאלגען, און ער האט מספיד געווען.

רבי בנמין זאב האט פארציילט, אז טירנוי איז געווען די ערשטע שטאט אין די געגענט, ווי מען האט צוזאמגענומען די יודען ביי די מלחמה, און נאכדעם איז געקומען נייטרא. און דער **טירנוי'ער רב** האט געזאגט, אז ער גייט מיט די קהלה. און ווען מען איז געקומען קיין נייטרא האט דער **נייטרא רב** אויך געוואלט מיטגיין מיט די קהלה, און **רבי מיכאל בער** האט אים צוריקגעהאלטן אז ער זאל נישט גיין. האט ער געזאגט, איך שעם זיך פארן **טירנוי'ער רב**, אז ער גייט מיט די קהלה, און איך גיי זיך נישט באהאלטן. האט אים **רבי מיכאל בער** געזאגט, אז אויב ער וועט גיין מיט די קהלה, און יעדער וועט זיין פארנומען מיט זיין משפחה, און ווען דער רבי וועט דארט זיין, וועלן זיי האבען נאך א זארג, דער רבי. און אזוי האט ער אים איבערגערעדט אז ער זאל נישט מיטגיין.

**רבינו:** דער חילוק איז געווען, אז דער **טירנוי'ער רב** האט נישט געוואוסט וואס עס מיינט דעפארטירען. קיינער האט נישט געחלומ'ט, אז דאס איז להשמיד ולהרוג ולאבד. מען האט געוואוסט אז מען גייט זיין אויף צרות, מען גייט ארבעטן, מען גייט נישט זיין אינדערהיים, און מען וועט נישט האבען צו עסן און טרינקען, האט מען זיך נישט געוואלט אפטיילען פון די קהלה, מען האט געפילט אן אחריות אז מען דארף מחזק זיין און מעודד זיין דעם ציבור. אבער **רבי מיכאל בער** האט יא געוואוסט וואס דאס איז, יודען וואס זענען אנטלאפן פון אוישוויץ האבן אים פארציילט וואס גייט פאר, ער איז ארויסגעשפרינגען פונעם באן, און ער האט געוואוסט אז דאס מיינט כליון, און אויף כליון איז נישט דא קיין תירוץ, אז אויב יענער גייט דארף איך אויך גיין.

**הר"ר אליעזר: רבי אלחנן וואסערמאן** שרייבט אין די הקדמה פון זיין ספר, אז ווען מען איז געפארן אויפן באן פון די שטאט קאוונא, האט ער געזאגט פארן עולם, מען גייט אונז הרג'ענען, און מיר גייען זיין א קרבן, און מען טאר נישט האבען א מחשבת פיגול, און יעדער זאל זיך צוגרייטען ווי עס דארף צו זיין.

**רבינו:** ווייל אין קאוונע האבען זיי זיך נישט געשעמט, זיי האבען געזאגט אז מען גייט הרג'ענען. מען האט צוזאמגענומען יודען אויף צו הרג'ענען, אבער אין אונגארן און אין טשעכיי האט מען נישט געזאגט אז מען גייט הרג'ענען, נאר מען גייט טראגען ארבעטן. מען האט אויסגענארט. - עס איז געווען אנגעשריבען אויף יעדן איינעם, ווער עס דארף בלייבען לעבן און ווער נישט.

**רבינו:** רבי פרץ איז געווען דער זקן פון די שול.

**הר"ר אליעזר:** מיר זענען אויפגעוואקסען אין אן אלט פארצייטישע שטוב.

**רבינו:** מיר האבען אלע אזוי געקוקט אויף אונזערע עלטערן. מיר האבען זיי אנגעקוקט פאר זקנים. עס איז נישט געווען אזוי ווי היינט, וואס א קינד קוקט אן זיין טאטן, אז מען איז אין איין עלטער, נאר מיט אפאר יאר גערוקט. מען איז חברים, נאר ער איז דער טאטע און איך בין פערצופאל דער זון. מען האט ארויפגעקוקט, עס איז געווען אזא רעספעקט, א דיסטאנץ. און עס איז אזוי געווען אויף א מלמד, און אויף א יוד אין בית המדרש, מען האט געוויסט אז יענער שטייט אסאך העכער פון מיר. מיר זענען אלע אויפגעוואקסען מיט אזא געפיל, אז דאס איז א זקן, און מיר זענען די יונגע.

**א' הנוכחים:** א יוד האט מיר געזאגט, אז ער איז געבוירן געווארן פונקט נישט אין א גוטע צייט. ווען ער איז געווען יונג האט מען גערעדט מורא'דיג פון די עלטערע, און יעצט ווען ער איז אלט, איז אלעס די יונגע...

*

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** (בבגדי שבת) אצל החופה של ש"ב בת הרה"ג **רבי אשר גדלי' פאללאק שליט"א** אב"ד בראשוב, עב"ג בן **הרה"ג רבי עקיבא לודמיר שליט"א** אב"ד פרעשבורג (ב"פ). **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת הכתובה.

בשעות הערב הגיע הרה"ג **רבי מנחם מענדל טייטלבוים שליט"א** אב"ד סאטמאר וומסב"ג, להזמין את **רבינו שליט"א** להחתונה של בנו בשעטומ"צ.

***וזה תוכן השיחה:***

**נסוב השיחה אודות נישואין ביום ז' אדר**

**אב"ד סאטמאר וומסב"ג:** דער **טעמי המנהגים** (אות תתקצ"ד) ברענגט צו, אז אין בעלזא האט מען מקפיד געווען אז מען זאל נישט חתונה האבען ז' אדר. עס איז די איינציגסטע חסידישע פלאץ וואס איך האב געהערט, אז עס זאל זיין עפעס אן ענין.

**א' הנוכחים:** עס קען זיין, אז דער רב האט געהאלטן א דרשה, און דער גאנצער עולם איז געגאנגען צו די דרשה, האט מען נישט געוואלט חתונה מאכען, ווייל דער עולם וועט נישט קומען.

**רבינו:** איך מיין אז מען האט נישט געהאלטן די דרשה ביינאכט, די דרשה איז געווען בייטאג. אמאל האט מען געהאט צייט נישט אזוי ווי היינט.

**אב"ד סאטמאר וומסב"ג:** אמאל איז אלעס געווען בייטאג, ביינאכט איז געווען טונקעל. ביי א יארצייט, האט מען געדאווענט שחרית, און מען האט געמאכט א לחיים, עס איז געווען אן ענין אז מען זאל נישט ארויס גיין אויפן בית החיים מיט א ליידיגע מאגן, נאכדעם איז מען געגאנגען אויפן פעלד, און ווען מען איז צוריקגעקומען האט מען געמאכט א סעודה. אזוי איז געווען אלע יארצייטן. און אזוי איז געווען בר מצוה'ס.

**רבינו:** ביי פדיון הבן פירט מען זיך אז מען איז נישט פודה ביינאכט (עיין **בש"ך** יו"ד סימן ש"ה סקי"ב), און איינע פון די טעמים איז, ווייל א פדיון הבן דארף זיין בפרסום, און ביינאכט איז נישט דא א פרסום (עיין **בשערי תשובה** או"ח סימן תקס"ח סק"ח). היינט מאכט מען יא ביינאכט, ווייל היינט איז דא מער פירסום ביינאכט, ווייל בייטאג איז נישט דא א ציבור.

**אב"ד סאטמאר וומסב"ג:** ביי אונז פלעגט מען זאגען א דרשה שלש עשרה מדות, און ביים **רבי'ן ז"ל** האט זיך עס אויפגעהערט, ווייל די דרשה איז געווען בייטאג, און געווענליך קומט עס אויס מאנטאג אדער דאנערשטאג. און אין אורשווע איז געווען דער מארק טאג, מאנטאג און דאנערשטאג, און דער עולם האט נישט געהאט צייט צו גיין הערן די דרשה, וועגן דעם האט ער נישט געזאגט א דרשה. און עס איז שוין אזוי געבליבען, אז ער האט נישט געזאגט א דרשה.

**רבינו:** איינער האט מיר נאכגעזאגט, אז דער **סאטמארער רב** איז אמאל געווען אין טשיקאגא אין די שובבי"ם וואכען, און דער **ווייצענער רב** האט אים געזאגט, נו, וועלן מיר אויך דא הערן אמאל א שובבי"ם תורה. און דער **סאטמארער רב** האט אים געזאגט, ניין, איך וועל נישט זאגען. האט ער געפרעגט, פארוואס. האט ער געזאגט, איך מוז אויך האבען דער ציבור דערצו. און דעמאלטס האט ער צוגעגעבען, אז איך האב נישט אנגעהויבען צו זאגען אין אורשווע שלש עשרה מדות, ווייל עס איז געווען א מארק טאג. און מען קען נישט פונעם מארק טאג ארייננקומען צו א דרשה פון שלש עשרה מדות. עס גייט נישט צוזאמען.

**א' הנוכחים:** ביים **ייטב לב** איז שלש עשרה מדות געווען א גאנצע טאג. אין **שאול בחיר ה'** (דף כד) שטייט אז ער איז געווען ביים **ייטב לב** שלש עשרה מדות, און דער **ייטב לב** האט געדרשנ'ט ביינאכט.

**אב"ד סאטמאר וומסב"ג:** עס איז א ספק אויף ווען ער האט געזאגט די דרשה. די הושענא רבא דרשה איז אויך אזוי, ווייל עס שטייט סיי אין **ייטב לב** (פ' אמור) 'בליל' הושענא רבא ווען ער האט געזאגט די התעוררות דרשה, און סיי אין **ישמח משה**, אין **תהלה למשה** פון אן אייניקל, אז די גרעסטע התעוררות איז געווען די נאכט פון הושענא רבא, עס איז געווען טונקעל, עס האט געברענט צוויי לעכט פארן עמוד, און ער האט זיך אויפגעשטעלט און געזאגט די דרשה, און ער שרייבט אז דער עולם האט זיך אראפגעווארפן אויף די ערד און מען האט געוויינט. עס איז געווען ביינאכט, און דער קול איז געגאנגען למרחוק, שרייבט ער קלאר אז עס איז געווען ביינאכט. און דא ווייסט מען אז פאר די הושענות האט מען געזאגט די דרשה.

**א' הנוכחים:** די דרשות זענען אויף די ווערטער פון די הושענות. קען זיין אז עס איז געווען צוויי דרשות.

**אב"ד סאטמאר וומסב"ג:** קען זיין, איך בין מסופק, ווייל דער **ישמח משה** האט געזאגט דרשות יעדן שבת אין חודש אלול, און עס איז אויסגערעכנט וויפיל דרשות ער האט געזאגט בימי אלול וימי הרחמים והרצון, אסאך אסאך מער פון וואס מיר ווייסען, איז דאך טייטש אז עס איז געווען נאך דרשות. ער האט געזאגט פאר נעילה, און פאר שמע קולנו. אין קלויזענבורג זאגט מען פאר שמע קולנו.

**רבינו:** ערגעץ אנדערש האט מען געזאגט הושענא רבא?

**אב"ד סאטמאר וומסב"ג:** איך האב נישט געהערט. די גרויסקייט פונעם טאג הושענא רבא און שלש עשרה מדות, איז געווען נאר אין סיגוט. יעדער מקום האט זיין שטארקע צייט. אין בעלזא איז געווען די ערשטע טאג סליחות, מען האט געזאגט סליחות פארן עמוד, און מען האט אויסגעזאגט גאנץ תהלים נאכען דאווענען.

**רבינו:** דער **רבי ז"ל** האט נישט אויסגעזאגט תהלים מיטן ציבור, נאר שלש עשרה מדות.

**א' הנוכחים:** תשכ"ז, פאר עס איז געווען די מלחמה אין ארץ ישראל, איז ער אריינגעקומען אין בית המדרש צו תהלים.

**רבינו:** דעמאלטס איז ער אריינגעקומען אינמיטן.

**אב"ד סאטמאר וומסב"ג הזמין**
**את רבינו שליט"א להחתונה של בנו**

**ובירכו רבינו:** עס זאל זיין בשעה טובה ומוצלחת, און אין א מזל'דיגע שעה, און מען זאל זעהן אסאך יודיש נחת, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות.

**אב"ד סאטמאר וומסב"ג:** והמברך יתברך בכל מילי דמיטב, מיט סייעתא דשמיא, להגדיל תורה ולהאדירה.

**רבינו שליט"א מסר לו הספר החדש ולאשר אמר ויגד משה על התורה**

*

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בת **הרה"ג רבי אשר אדלער שליט"א** אב"ד סערעדנא (מאנסי), עב"ג בן **הרה"ג רבי אברהם יוסף קאהן שליט"א**, שהתקיים באולם סעליש. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של ש"ב בת **הרה"ג אב"ד בראשוב שליט"א**. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה. אחר ברכת המזון רקד **רבינו שליט"א** מצוה טאנץ לפני הכלה.

*

***<u>יום רביעי פרשת תצוה</u>***

אחר תפלת שחרית נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הברית של בן הר"ר **יצחק קליין** הי"ו (בן הר"ר **שלום אליעזר קליין** הי"ו, וומסב"ג), שהתקיים בבית המדרש מינסק. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

לעת ערב, התקבצו קהל רב לשמוע את דבר ה' – **דרשת ז' אדר** - מאת **רבינו שליט"א**. בשלחן המזרח פיארו, הרבנים הגאונים **דייני קהלתינו הק'** שליט"א, הגה"צ **רבי שלמה הלוי פאללאק שליט"א** אב"ד בית חלקיה (ארה"ק), הגה"צ **אב"ד שומרי שבת** שליט"א (ב"פ), הרה"ג **רבי חיים לייב דייטש שליט"א** אב"ד חוג חתם סופר - פתח תקוה, הגה"צ **רבי אלטר ראזענבוים שליט"א** האדמו"ר מנדבורנא (וומסב"ג), **האדמו"ר מקולבאסוב שליט"א** (וומסב"ג), הגה"צ **רבי יעקב יששכר בער ראזענבוים שליט"א** אב"ד נדבורנא לינסק (וומסב"ג), הרה"ג **רבי אלישע חיים הורוויץ שליט"א** אב"ד שערי תפלה (לאורענס), הרה"ג **רבי חיים יוסף פריעדמאן שליט"א** אב"ד ברעזאן (ב"פ), הרה"ג **רבי צבי פריעדמאן שליט"א** אב"ד סעליש (וומסב"ג), הרה"ג **רבי אפרים צבי**

**ראזענבערג שליט"א** דומ"ץ ויזניץ (וומסב"ג), הרה"ג **רבי אליעזר ליפא זילבערמאן שליט"א** מראצפערטא, וראה"כ אונגוואר.

אחר תפלת מעריב התעטף **רבינו שליט"א** בטלית, ועלה לפני הארון קודש, ודרש במשך שני שעות. לאחר הדרוש בעניני הילולא דמשה רעיא מהימנא, הספיד את הרבנים הגאונים שנסתלקו בשנה העבר.

אחר אמירת א-ל מלא רחמים, השמיע **רבינו שליט"א** דברי מוסר והתעוררות בענינים העומדים על הפרק, ומהם: **להתדבק ולהכניע לתלמידי חכמים, ודיבר בכאב לב על בזיון תלמידי חכמים וגדולי התורה שנתרבה לאחרונה • להתרגל להרבות ולהפציר בתפלה על כל פרט ופרט שנוגע להמצב שהוא נמצא בו, וביותר צריך לבקש בעוד שעדיין לא הגיע אליו הצרה, שמן השמים ימשיכו עליו רק טוב וחסד תמיד • חינוך הבנים מתוך ריבוי אהבה ומנוחה, ומתוך שלות הנפש • לקבוע עתים לתורה, ולהשתדל להמנות בחבורות 'ובהם נהגה' שע"י קהלתנו הק', ובלקיחת הבחינות מדי חודש בחדשו.**

אחר הדרשה התקיים מסיבת לחיים, **ורבינו שליט"א** חילק מזונות לכל הקהל.

*

***יום חמישי פרשת תצוה***

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת מרת לעבאוויטש ע"ה (אשת הר"ר חיים הערש לעבאוויטש הי"ו).

***וזה תוכן השיחה:***

**א' האבלים:** זי איז געווען א גרויסע בעלת יסורים.

**רבינו:** יסורים ממרקין (ברכות ה.). קיינער וואונטשט זיך עס נישט, אבער אז עס איז שוין געווען, איז עס ממרק.

**א' האבלים:** איינער האט נעכטען נאכגעזאגט א **מהרש"א** (כתובות קד.), פארוואס מען איז מתפלל אויף א מענטש, ווען ער האט יסורים. אויב ער האט יסורים איז שוין בעסער אז דער אייבערשטער נעמט אים אוועק. זאגט דער **מהרש"א**, אז ווען א מענטש האט יסורים איז ער מכפר אויף די עוונות פונעם דור. איז מען מתפלל, אז אויב ער האט שוין יסורים זאל עס מכפר זיין אויפן דור.

**רבינו:** די **מהרש"א** זאגט עס אויף רבינו הק'. אז רבינו הק' האט געהאט יסורים, און פון דעסטוועגן דאך האט מען מתפלל געווען אז ער זאל נאך בלייבען, ווייל די יסורים פון רבינו הק' האבען מגין געווען אויפן דור. די אלע יארן וואס ער האט געהאט ציין ווייטאג, האט א אשה נישט מפיל געווען (ב"ר צו-ה), וועגן דעם האט מען מתפלל געווען אויף אים.

**א' האבלים:** אויף יענעמס חשבון?!

**רבינו:** רבינו הק' האט עס געוואלט. מען געפונט (ב"מ פד:) אז רבי אלעזר האט מתפלל געווען אויף זיינע יסורים, בואו חביבי, בואו אחי.

**א' האבלים:** עס איז דא א פסוק (תהלים כה-יח) ראה עניי ועמלי ושא לכל חטאתי, עס שטייט אין **אגרא דפרקא** (אות קכד) אז ווען א מענטש האט א צער, זאל ער זאגען דעם פסוק. און אויב מען האט נישט אינזין, העלפט עס נישט.

**רבינו:** עס שטייט אין די גמרא (ברכות ה.) אז מען דארף עס מקבל זיין באהבה, טאמער ער איז זיך מתרעם דערויף איז עס נישט א כפרה.

דער **משנה ברורה** אין **ביאור הלכה** (סימן שכ"ט ד"ה אלא לפי שעה) אקעגן מחלל שבת זיין אויף פיקוח נפש, אפילו ער קען נאר לעבן חיי שעה, נאך אפאר מינוט, קען מען מחלל שבת זיין, ברענגט ער צו א **מאירי** (יומא פד:), אז ווילאנג א מענטש לעבט נאך, קען ער מהרהר זיין בתשובה, און ער קען טוישען זיין גאנצע לעבן, מיט איין מינוט וואס ער לעבט לענגער.

**א' האבלים:** און טאמער ער איז שוין נישט ביי זיך?

**רבינו:** דער **משנה ברורה** האט דארט א שמועס דערוועגן, און ער זאגט, אז די הלכה בלייבט די זעלבע. אבער די עצם געדאנק אז מען דארף מחלל שבת זיין אויף חיי שעה, ווייל חיי שעה קען אמאל אויסמאכען ביי א מענטש זיין גאנץ לעבן.

**א' האבלים:** דער **אור החיים הק'** אויפן פסוק (שמות לא-טז) ושמרו בני ישראל את השבת לעשות את השבת, זאגט פארקערט, אז מען מעג מחלל שבת זיין, נאר אויב ער וועט קענען היטן נאך א שבת. עס איז אינטערסאנט, ווייל געווענליך שטימט דער **אור החיים הק'** מיט די הלכה, און דא שרייבט ער אקעגן די הלכה. ווייל די הלכה איז (עיין בשו"ע או"ח שכט-ד) אז אפילו פאר חיי שעה דארף מען מחלל שבת זיין (עיין בספר **אוהב ישראל** (פ' כי תשא) מה שכתב בזה).

**רבינו:** לויט ווי מען האט פריער גערעדט, אז מען קען אין איין מינוט מתקן זיין דעם עבר, קען ער דאך

מתקן זיין אלע שבתים. איז עס אויך א בחינה פון 'לעשות' את השבת, אז ער איז 'מתקן' די שבתים.

**א' האבלים:** דער **סאטמארער רב ז"ל** האט אמאל נאכן לערנען א סוגיא געזאגט, אז עס איז אינטערסאנט אז דער **אור החיים הק'** רעדט א יעדע וואך, פון א סוגיא אין ש"ס.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי, ושיעורו השבועי באור החיים הק'.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף (בבגדי שבת) אצל החופה של ש"ב בת **הרה"ג רבי פרץ טובי דייטש שליט"א** אב"ד חליסה (ב"פ), עב"ג בן **הרה"ג רבי ישראל ראזענפעלד שליט"א** (מאנסי). **רבינו שליט"א** נתכבד בברכה אחריתא.

אחר החופה מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא.

אחר השיעור חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של ש"ב בת **הרה"ג אב"ד חליסה שליט"א. רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה. אחר ברכת המזון רקד **רבינו שליט"א** מצוה טאנץ לפני הכלה.

*

***שבת קודש פרשת תצוה***

**רבינו שליט"א** שבת על שבת קודש במאנסי, לרגל שמחת הברית מילה של נכדו, בן לחתנו **הרה"ג רבי יואל ווייסמאנדל שליט"א.** תפלת מנחה וקבלת שבת התפלל **רבינו שליט"א** בבית מדרשנו התאחדות אברכים. **רבינו שליט"א** עבר לפני התיבה לתפלת מנחה.

אחר קבלת שבת קיבל **הרה"ג רבי יוסף זילבער שליט"א** דומ"ץ הביהמ"ד, את פני **רבינו שליט"א,** והמשיך בשיעורו השבועי בלימוד כמה הלכות היוצאים מדברי הגמרא שנלמדו בשבוע זו בחבורת 'ובהם נהגה'. - סעודת ליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** בבית ידידינו הרב **שמואל באדאנסקי** שליט"א.

הבאטע בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** בבית מדרשנו התאחדות אברכים, ביחד עם שמחת השלום זכר לנכדו, בן לחתנו **הרב רבי יואל ווייסמאנדל שליט"א.**

בין הזמירות והניגונים השמיע **רבינו שליט"א** דברי תורה בעניני הפרשה. גם שרו ניגוני שמחה לרגל השמחה, **ורבינו שליט"א** איחל ברכת מזל טוב למחותנו **הגה"צ אב"ד נייטרא מאנסי שליט"א** שהגיע להשתתף. בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי יהושע כ"ץ שליט"א.**

תפלת שחרית התפלל **רבינו שליט"א** בבית המדרש נייטרא. **רבינו שליט"א** עלה למפטיר לרגל שבת זכור. עם סיום התפלה התקיימה שמחת הברית מילה, כאשר הרך הנימול נכנס בבריתו של אברהם אבינו ע"י אביו שליט"א, על ברכי זקינו הגדול **רבינו שליט"א. רבינו שליט"א** נתכבד בעמידה לברכות, והסב **הגה"צ אב"ד נייטרא מאנסי שליט"א** נתכבד בברכות, ויקרא שמו בישראל 'יצחק יעקב' על שם זקינו **הגאון הגדול רבי יצחק יעקב ווייס זצ"ל** גאב"ד ירושלים, בעל **מנחת יצחק.** אחר הברית התקיים קידושא רבא לכבוד השמחה, כאשר כל הקהל עברו לפני **רבינו שליט"א** לאחל ברכת מזל טוב לכבוד השמחה. - סעודת הברית התקיימה ביחד עם בני המשפחה באולם שע"י בית המדרש נייטרא. בתוך הסעודה נשא דברים **הגה"צ אב"ד נייטרא מאנסי שליט"א. רבינו שליט"א** נתכבד בברכת המזון.

תפלת מנחה וסעודה שלישית התקיים בבית מדרשנו (רח' 306). **רבינו שליט"א** השמיע דברי דרוש ואגדה בענין נס פורים וקריאת המגילה. בברכת המזון כיבד **רבינו שליט"א** את **הרה"ג רבי מנחם פישער שליט"א** דומ"ץ קהלתנו הק' במאנסי.

אחר הבדלה בבית הרב **שמואל באדאנסקי** שליט"א עלה **רבינו שליט"א** לביתו החדש של הר"ר **משה פריימאן** הי"ו. **רבינו שליט"א** קבע מזוזה והסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה. - כמו כן ביקר **רבינו שליט"א** אצל הר"ר **פנחס שלום בערגער** הי"ו, ואצל ש"ב הרב רבי **משה יודא לעבאוויטש** שליט"א.

אחר כך נכנסו הנהלת טע"ג לעניני טעכנאלאגיע בעיר מאנסי לקבל ברכת הקודש. **ורבינו שליט"א** עידד וחיזק פעלם הטוב בקדושת ישראל, ובירכם שיצליחו ויראו ברכה בכל מעשה ידיהם לטובה. - כמו כן נכנסו הנהלת הבית המדרש התאחדות אברכים והראו **לרבינו שליט"א** התכנית של הבית המדרש החדש לקראת התחלת הבניה בימים אלו.